David Katz 21 Lysford Road, Willesden Green
London NW2

כא אָב תשל"ט / דעם 14טן אויגוסט 1979

לכבוד הגאון ד"ר שלמה בירנבוים,

שוין א לענגערע צייט וואָס איך קלייב זיך דורכצושרייבן זיך מיט אייך. פאַראיאָרן האָב איך פאַרענדיקט דעם ערשטן דיפּלאָם אין יידישער לינגוויסטיק אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט אונטער מ. הערצאָגן און אצינד שרייב איך א דיסערטאַציע איבער דער היסטאָרישער פאָנאָלאָגיע פונעם סעמיטישן חלק אין יידיש אין יוניווערסיטי קאָלעדזש לאָנדאָן. אייערע ווערק זיינען מיר אלע זייער טייער, אָן זיי קען מען זיך אויפן פעלד ניט רירן פון אָרט. מיר זיינען „כמעט" געווען שכנים דערמיט וואָס מיט צוויי יאָר צוריק בעת איך האָב פאַרבראַכט א יאָר אין לאָנדאָן בתורת גאַסט-סטודענט האָב איך געדונגען א צימער ביי י.א. ליסקין, 13 קעריספאָרט ראָד. ביים פאַרבייגיין אייער אלטער וואוינונג יעדן אין דער פרי האָב איך כסדר געטראַכט וועגן אייך. איך שרייב אייך אצינד איבער צוויי טעמים:

(א) כ'וויל זייער קויפן אייער ניי בוך וואָס איז אָט ערשט ארויס. האָב איך געשריבן צוויי בריוו אין יוניווערסיטי אָוו טאָראָנטאָ האָבן זיי מיר ביידע מאָל געענטפערט איך זאָל זיך ווענדן צום יוניווערסיטעט אָוו מענטשעסטער פרעס, האָבן ז י י מיר געענטפערט אז זיי ווייסן נאָך גאָרנישט וועגן דעם. וויל איך אייך פרעגן, צי קען איך פון א י י ך קויפן דאָס בוך? כ'וועל אייך תיכף צושיקן א טשעק ווי אויך די הוצאות פאַר לופט-פּאָסט. פאַרשטייט זיך אז כ'וועל זיך זייער פרייען אויב איר קענט דאָס בוך

חתמענען.

(ב) איך שיק אייך דא די לעצטע ארבעט מײַנע, דעם רעפעראט װעלכן איך האב געלײענט פאראכטאגן בײַ דער קאנפערענץ פאר דער פארשונג פון יידיש אין אקספארד. איך װאלט זיך זײער געפרײט און כ'װאלט עס געהאלטן פאר א גרויסן כבוד װען איר װאלט מיר געקענט צושיקן אײַערע באמערקונגען, קריטיק און אויסבעסערונגען איבער דער ארבעט (די ארבעט גופא קענט איר אװדאי האלטן). כ'האב א צאל אנדערע ארבעטן (אלע ניט-פובליקירט) ס'רוב אויף ענגליש װעלכע כ'װאלט אײַך אויך געװאלט צושיקן אויף צו געניסן פון אײַער קריטיק. פארשטײט זיך אז כ'װעל אײַך דאנקען פאר יעדער באמערקונג.

דא אין לאנדאן איז נאך ניטא קיין אוניװערסיטעטישער קורס פאר יידיש אזוי ארום אז די קורסן װעלכע איר האט געלײענט זײַנען די אײנציקע װאס זײַנען װען געװען אין לאנדאן אויף װי װײט איך װײס. פאראן נאר א קלאס פאר יידיש אין הלל-הויז און א יידישער לײענקרײַז. אין אקספארד פאר איך איין מאל א װאך במשך פון זמן און האלט צװײ קלאסן (אנהײבער און מיטלדיקע) אינעם אקספארדער צענטער פאר העכערע העברעאישע שטודיעס. נאר אין קװינז יוניװערסיטעט (בעלפאסט) איז יידיש אט ערשט אריינגענומען געװארן װי אן אפיציעלער טײל פון א גערמאניסטישן קורס פארן ערשטן דיפלאם. די קלאסן פון יידיש װערן געפירט פון א זײער געניטן ניט-יידן װעלכער האט שטודירט יידיש דרײַ זומערס אין קאלאמביע אוניװערסיטעט.

איך האף צו הערן פון אײַך און איך האף צו האבן דעם כבוד אײַך פערזענלעך צו באקענען. מיט דאנק און גרויס דרך ארץ

בלײַב איך אײַער תלמיד דוד קאץ